מענקע קאַץ

ס׳האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאַינע

מעינקע קאַץ

ס׳האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאָינע

ניו־יאָרק, 1939

COPYRIGHT 1939
By MENKE KATZ
64 JEFFERSON STREET, PASSAIC, N.J.

לינגוויסט פּאַבלישינג קאָ., 54 וועסט 21־טע גאַס ניו־יאָרק, נ.י.
142

מעינקע קאַץ אין קאַמף פאַר זיין דיכטערישער פּאָזיציע

(פאָרווארטס)

מיין שטיבל איז אָרים, מיין שטיבל איז גרוי.
א פינגערל זון — א רעדעלע אומעט.
ווי א צעטראָטענע רויז, די גרויס —
דרייט ארום מיר זיך ארום:

אהיז, אין יענעם קליינעם שטיבל פון זיין באָבען, האָט זיך מעינ־קע קאַצן פארבענקט אינמיטן דעם גרויסן ניו יאָרק. ער האָט די גאַנ־צע צערטלעכקייט פון זיין נעמיט פאַרטראַגן אין דעם שטיבל פון זיין באָבע מאַינע, וועמען א כאוער, א דיכטער, האָט אזוי אומווירדיק באַ־ליידיקט. „די באָבע טאָלצעס טאכריכים", באַזינגט מעינקע קאַץ, האָט דער כאוער אים פארגעוואָרפן; דערביי האָט ער דער באָבען פארגליכן צו א „מעשונעדיקסטער שפין".

באַ מעינקע קאַצן האָט א צופ געטאָן באַם האַרצן. די באָבע מאַינע איז געווען אן ערלעכע, אָרימע האַרעפּאַשנע פרוי פון דעם גרויען שטיבל מיט „א פינגערל זון — א רעדעלע אומעט". זי פלעגט שיקן דעם „אויבערשטן א דאַנק און א לויב", וואָס „דאָס האַרץ איז נישט אָרעם, דאָס האַרץ איז ניט גרוי". זי איז געווען א גוטע די באָבע זיינע: זי פלעגט „היילן דעם פּיפּעץ פון יעדן קראַנקן אָף" באַ די אָרימעלייט; זי פלעגט זיך קאַהאַלן און העלפן מענטשן אין צאַר און אין דאַלעס. און געהייסן האָט זי מאַינע, כאָטש זיין כאוער דער דיכטער האָט זי באַ־צייכנט מיטן נאָמען „טאָלצע".

האָט מעינקע קאַץ, טיף־באַליידיקט פון א כאוער א דיכטער, גענו־מען די פען אין האַנט און אויסגערופן: — „ס'האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאַינע". הערט: איך וועל דורך דעם מויל פון מיין באָבען ווי־דעראַמאָל אייך ווייזן מיין פארמורזשעט, אָרים שטעטל; איך וועל ווי־דער פאַנאַנדערוויקלען פאַר אייך יענעם עמעס מיינעם אין דער פּאָעזיע, פאַר וועלכן מען האָט מיך אויפגעמישט דעם ייכעס פון מיינע זיידעס און באָבעס. אויב עס גייט שוין אין ייכעס, זאָגט מעינקע קאַץ, איז לאָמיר זיך פארמעסטן — לאָמיר זען ווי גערעכט זיינען די וואָס שרייען אָף אַלע ראָגן, אז זיי זיינען די „רויטע אַפּאָסטאָלן" אין דער אידישער דיכטונג און וואָס איז דער אונטערשייד צווישן זיי און דעם עמעס, ווי איך, מעינקע קאַץ, זע אים.

מען מוז מודיע זיין: מעינקע קאַץ האָט זיך ווי אַנגעכאַפּט אַז דער געלעגנהייט זיך צוריקצוקערן צו זיין שטעטל — צו דער נאָענדי־קער פאַרגאַנגענהייט פון זיינע לעצטע צוויי בענד פּאָעזיע. ער האָט זיך געוואָרפן אויף דער טעמע נאָך אַלץ ווי אַ דורשטיקער, ווי ער וואָלט געווען פאַרבאַלעשט פון דעם גרויסן ניו־יאָרקער מידבער — און אפשט, ווען איר לייענט מעינקע קאַצן, דערשיינט פאַר אייך ניו־יאָרק ווי אַן אויסטערלישער מידבער — און ווייל זיך אַנטרינקען בא די קוואַלן פון זיינע אוועס. ער קערט זיך אום צו זיינע אוועס, ווייל ער האַלט — און ניט אַן רעכט, — אַז די וואָס האָבן אַקצעפּטירט די גרויסע שטאָט, די גרויסע וועלט אַמעריקע אין אונדזער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג, אַז די וואָס ווידמען זייער פּאָעזיע דעם אָרימען פאָלק און שטייען אַפן באָדן פון גרויסן עמעס פון קלאַסן־קאַמף, קאָנען ניט זיין קיין רעוואָלוציאָ־נערע דיכטער אויב די „באָבע טאָלצע״ איז בא זיי אַן אָביעקט פאַר כויזעק און לעצאָנעס. ער גייט נאָך ווייטער: לויט אים, קאָן דער וואָס באַשמירט זיין באָבען אָדער זיידן מיט סמאָלע און באַשטעקט זיי מיט פּעדערן, דער וואָס זעט אין זיי נאָר בייז און בייז, כויזעק און כויזעק, קאָן ניט האָבן קיין וואַרעם האַרץ פאַרן היינט און האָט פאַרשפּילט נאָך באַם לעבן זיין צוקונפט. אַז אַ וואַרעם, מענטשלעך האַרץ, איז נישטאָ קיין פּאָעזיע; אַז אַ וואַרעם, מענטשלעך האַרץ, קאָן מען ניט זיין קיין קעמפער און בעמיילע, קומט מעינקע קאַץ צום אויספיר, קאָן מען ניט זיין קיין פּאָעט.

ווייל ער דאַווקע נעמען זיינע אוועס פונם קליינעם שטעטל, די אָרימע האַרעפּאַשניקעס, „דעם ייכעס פון מילנער, וואַלד־העקער און וויליע־פּליטן״, דעם „ייכעס פון זיידעס גיבוירים, וואָס האָבן אויף פערד ווי אויף בליצן, צו די באַשערטע געריטן״, — זיי ווייל ער פאַרהעפטן מיט זיין לעבן און מיט זיין בליק אויף דער צוקונפט פון אונדזער וועלט; דאַווקע אין זיי ווייל ער געפינען די שנור וואָס ציט זיך צו אונדזער רע־וואָלוציאָנער לעבן און פאַרוועבן אונדז סיי מיט זייערע בידנע מאַטער־נישן און סיי מיט דער ראָמאַנטיק פון די פאַרגאַנגענע, שטעטלשע ציטן.

עמעס, מעינקען פירט עס דערוויל ווידער אוועק פון דער טאָג־טעג־לעכערווירקלעכקייט, אַט די ווירקלעכקייט וואָס האָט אין זיך דעם די־נאַמיט פון גרויסע קאַמפן און דעריבער אויך דעם פולווער פאַר דער היינטצייטיקער דיכטונג. עמעס, אַפן לייענער קען עס לאָזן דעם איינ־דרוק, אַז דורך זיין נאָכאָנאַנדיקן אָפּקערן זיך פון דער גרויסער ווירק־לעכקייט פון אונדזער היינט — אין דעם אָוועק פון זיינע אוועס, באַ־שאַפט זיך מעינקע קאַץ אַ מין עלפאַנטביין טורעם, וואו עס זיינען גע־

זעסן און געשימלט בירגערלעכע דיכטער און פון וואנען זיי זיינען שוין ניט ארויס. דארט זיינען זיי פארסטערנעט געווארן „אין זיך", געווארן רעאקציאנער, געווארן באשימפער פון דער רעוואלוציאנערער פרייהייט־באוועגונג. ס'איז אבער אינגאנצן ניט אזוי מיט מעינקע קאץ, ווייל דורך זיין באבע מאינעס מויל באהעפט ער זיין איצטיק לעבן מיט יענעם דאכסעס קעגן וועלכן זיין באבע מאינע האט זיך געראנגלט. „אין דיין צימערל", זאגט די באבע מאינע דורך מעינקע קאצ'ס פעדער, „זע איך פון מיינע עלטער־עלטער זיידעס דאס דאכסעס לעבן; בא דיינע כורווע־ווענט האב איך דערקענט פון דעם ווינט די זעלביקע נויט־געזאנגען". אט די נויט־געזאנגען, אט דער דאכסעס פון דער ארימשאפט אין דעם נייעם לאנד, פארוועבט מעינקע קאץ מיט אונדזערע פארגאנגענע דוירעס, וואס גיט אים איין ריכט־שנור, וואס גיט אים די פליגל צו פליען ווייט פון יענע עלפאנטביין טורעמס.

מעינקע קאץ איז צו פריש, צו עכט אין זיין בילד און זיין פארב, ער האט צופיל ליב די ארימשאפט, די וואס ליידן דאכסעס אזוי ווי ער אליין, ער זאל קאנען ערגעץ־וואו אנטלויפן פון די עמעסן פון זיין פאלק. אויב ער איז געגאנגען אין מילכאמע־שטעטל אין זיינע לעצטע צוויי ווערק „ברענענדיק שטעטל" און ווידער צוריק צום שטעטל איצט, איז עס געווען נאר קעדעי אף זיין איינענעם גייסטרייכן און פארבנרייכן אויפן ארויסהויבן די טהאמען פון ליידן, וואס האבן זיך אנגעזאמלט אין די פאלק־מענטשן פון א מילכאמע־דאר און וואס נאר ער אליין האט אזוי גרוילהאפט, אייגנארטיק אויפגענומען. אויפנעמענדיק יענעם גרויל־לעבן, האט מעינקע קאץ — דער פולער אטעאיסט — דאך זיך געטונקט אין רעליגיעזע, אפט פינצטערע בילדער און סימבאלן, וואס האבן אן צווייפל שאקירט א גאנצע ריי היינטצייטיקע שרייבער. זיי האבן זיך געפרעגט: וואוהין רופט מעינקע קאץ? צוריק אין בעסמעדרעש, צו דער שיינקייט פון אויפהענגען זיך אויף א רעצועע? זיי האבן צוליב איניקע שטריכן פארזען דעם גאנצן מעינקע קאץ, זיי האבן פארזען דעם טיפן צאר פון א גאנצן דאר אין דעם קליינעם שטעטל בעאיים דער גרויסער וועלט־מילכאמע. ס'האט אויסגעזען ווי זיי וואלטן נאר געווארט אף א געלעגנהייט, ניט ווי שרייבער מיט ווירדע און פארשטאנד, נאר אפט ווי קינעדיקע אינגלעך האבן זיי זיך אף אים געווארפן; באהאלטנדיק זיך הינטער צווייפלהאפטער פראלעטארישקייט און רעוואלוציאנערישקייט, האבן זיי געריסן פאסן פון זיין בילד, פון זיינע שילדערונגען, פון זיין נייער קראפט, פון זיין ברייטערן, טיפערן פארנעם.

דער מענטש אן פניעס, דער וואס לייענט ליטעראטור אי צוליב

דער שיינקייט, אי צוליב דערלערנען עפעס וועגן וועלט און מענטש, האט אין מעינקעס קאַצ'ס ווערק „ברענענדיק שטעטל", דערזען אַ דיכ־טער וועמענס איינגאַרטיקער טאַלאַנט איז פּאַטיש ווייט אַריבער די גרעניצן צו וועלכע די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז געווען געוואוינט. טראַדיציאָנעל אידיש, האָבן זיינע געזאַנגען אַ אוניווערסאַלן פּאַרנעם, אַטעמען זיינע לידער מיטן צאַר פון אַרימאַן, מיטן גערעכטן קאַמף פון זיין קלאַס. זיין בילד איז איינגאַרטיק, זיין אימאַזש רעאַל־פאַנטאַס־טיש, (אויב ס'איז מעגלעך אַזאַ קאָמבינאַציע), זיין פּערן קרוכלע און רייצנדיק — זיין וואַרט פאַרבענקט און וועקט בענקענישן נאָך ווייטע ניט־דערגרייכטע צילן. אַזאַ דיכטער דאַרף מען אָפּשאַצן, ווערק פון אַזאַ דיכטער דאַרפן אַנאַליזירט ווערן.

נאָר עס זעט אויס, אַז אייניקע מענטשן אין אונזער פּראָלעטאַרי־שער ליטעראַטור זיינען אַזוי פאַרזאַיערט געוואָרן אין זייער אייגענעם איך, אַז זיי ווילן אַף אַלעמען אַנמעסטן זייער איינגעלאַפּן הייבל. בלייבנדיק אַף די ערטער וואו זיי האָבן אַנגעהויבן שרייבן אין איין ציים מיט מעינקעס קאַץ, האָבן זיי ניט געקאָנט, אפשר טאַקע ניט גע־וואָלט, דערזען, אַז מעינקעס קאַץ איז אוועק ווייט פאַרויס פון זיי, אַז זיין טאַלאַנט האָט זיך אַנטוויקלט און געקרעפּטיקט. פאַר זיי איז ער געווען דער זעלביקער מעינקעס קאַץ, וואָס האָט מיט אַריבער אַ צענדליק יאָר צוריק, צוזאַמען מיט זיי, אַנגעהויבן דרוקן לידער אין פּראָלעטאַ־ריש־ליטעראַרישע אויסגאַבן. אַזוינס פּאַסירט גאַנץ אָפט בײַ מענטשן, וועלכע קאָנען זיך ניט צוגעוואוינען, אַז זייערער אַ שול־כאַווער, וואָס האָט זיי אויסגעזען צו זיין אַ שטיק שלימאַזל, זאָל מיטאַמאָל זיך אַרויס־שטעלן צו זיין העכער פון זיי מיט אַ קאָפּ. אָפט פּאַרדריסט זיי אַזוינס און ווינציק וואָס זיי פּרובירן אים שטעלן מיט זיך אַף איין ברעטל, דורך גוט־ברודערישן קלאַפּן אין פּלייצע, זוכן זיי נאָך אים צו דערני־דעריקן דורך כויזעק און לעצאַנעס.

אייניקע פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן עס געפּרואווט מיט מעינקעס קאַצן, ווייזנדיק דערביי זייער גוואַלדאַוונע „מעווינעס" אַף לי־טעראַטור און פּאָעזיע. באַקומען האָט זיך אַזאַ מין „כאַווערישע קריי־טיק" — ווי זיי האָבן עס גערופן — פון וועלכער יעדער פאַרשטענדי־קער מענטש וועט זיך אָפּקערן, ביפראַט נאָך ווען דער מענטש איז אַזאַ סענסיטיווער דיכטער, ווי ס'איז מעינקעס קאַץ.

אַט די „כאַווערישע קריטיק" — דער אַנפאַל און די פאַלשקייט פון דעם אַנפאַל — האָט ניט געקאָנט בלייבן אומגעענטפערט פון מעינקעס קאַצן. ער האָט אַנגעהויבן דערפילן, אַז מען וויל אים דערני־דעריקן, ווייל ער זאָגט זיך אָפּ צו גיין אין דעם פאַלשן, שרייענדיקן,

פלאכן וועג פון אייניקע כאוויירים זיינע. לאנג האט עס אים גענומ־ מערט ביז ער האט אויסגעפלאצט מיט דעם ליד „דער בראוווער פאכדן". מען מוז זאגן, אז סיי אין דעם ליד, סיי אין דעם ביינעלייגטן בריוול, געדרוקט אין דער „מארגן פרייהייט" פון 14־טן אויגוסט, 1938, זיינען געווען א ריי גרונט־טאעסן, וואס זיינען געווען גאנץ כאראקטעריסטיש פאר מעינקע קאצן. זייענדיק פארביטערט קעגן דער אומגערעכטער „כאווערישער קריטיק" קעגן אים, האט ער אנגעווענדט די סאמע אי־ בערטריבנכטע פארגלייכן און עס האט זיך באקומען — אלנפאלס האט מען אזוינס געקאנט אריינטייטשן, — אז ער גרייפט אן די גאנצע פראלעטארישע ליטעראטור. אויב אזוינס האט זיך געלאזט אריינ־ טייטשן, האט עס אבער פון דער צווייטער זייט געשטעלט אין גארניט קיין שיינער ליכט די מענטשן וואס האבן אזוינס אריינגעטייטשט. זיי האבן געוואוסט זייער גוט, אז מעינקע קאץ איז א פראלעטארישער דיכטער, איבערגעגעבן דעם ארבעטער קלאס, און דאד האבן זיי אויפ־ געהויבן אזא באראזש, וואס נאר קעגן א רעאקציאנער און קעגן א פא־ שיסט הויבט מען אויף.

ווער עס האט געלייענט די אנגריפן קעגן מעינקע קאץ, דער האט אין א וואסערע דריי ארטיקלען געקאנט אנציילן עטלעכע הונדערט זידל־ווערטער — אוימער די פאלשע, לעבערלעכע „טעאריעס", — וואס דאס אליין דערציילט וועגן א ניט־געהויבענעם צושטאנד פון דער פרא־ לעטארישער ליטעראטור. מעג ווער עס וויל טראכטן, אז ס'איז אז ערנסטער טאעס צו קאנסטאטירן טרויעריקע עמעסן וועגן פראלעטא־ רישע שרייבער, — ווערן אבער אויפגעריסן די אויגן, ווען מען זעט ווי פרינציפנלאזיקייט און ציניזם ווערן די וועג־ווייזער אפילע פאר אייניקע דיכטער מיט נעמען אין דער פראלעטארישער ליטעראטור. פארוואורפן מעינקע קאצן, אז ער איז „שיר ניט א פאשיסט", אז זיין „ברענענדיק שטעטל" איז „מויזנלאד רעצידיוו", אז ס'איז קאנטער־רעוואלוציאנער צו פארלאנגען פון אונדזערע דיכטער עכטע פאעזיע, הייסט באהאלטן זיך הינטער פראזן, וואס קנאקן אפט אויף די ליפן פון א באשטימטן מין גענזנפיס־רעוואלוציאנערן... בא אונדז זיינען פאראן דיכטער, וואס קאנען אנשרייבן א ליד, נאר ווען איר לייענט אזעלכע שטאמפאור־ נע שורעס , ווי „דאס גרויזאמע, פינצטערע ווארט פאגראם, וואס לע־ בערט אן אידישן אויער", פילט איר, אז מען וואלט אנשטאט באפאלן מעינקע קאצן, געדארפט לעכערן דעם בלאטער פון געמאכטקייט, גע־ מאטערטקייט אין דער פ ר א ל ע ט א ר י ש ע ר ליטע־ ראטור. ווארום ס'איז אט די הילפלאזיקייט, די פוסטע שרייערייִ און באנאלקייט, וואס ווארפט זיך אמבייזסטן אף אז עכטן דיכטער ווען ער

וואַגט צו דערמאָנען וועגן דער געפאַר פון פאַלשע, צוגעטשעפּעטע „רויטע עקן" אין אונדזער דיכטונג, ווי עס האָט געטאָן מעינקע קאַץ.

מעינקע קאַץ איז ניט אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. נאָכמער, ער איז אַרויסגעטראָטן אין שוץ פון דער עכט־קייט פון אונדזער ליטעראַטור. דאָס איז ניט נאָר זיין רעכט, דאָס איז זיין פליכט, אויב ער איז איבערצייגט, אַז די עקן זיינען פאַלשע, אַז דער באַראַבאַן פון אייניקע כאַוויירים איז אַנגעצויגן מיט פאַרראָסטן בלעך. אפילע אויב פון מעינקע קאַץ'ס ליד „דער בראַוועער פּאַכדן" האָבן זיך באַקומען אייניקע פאַלשע איינדרוקן, קומט אים נאָך ווייט ניט מען זאָל אים פאַרגלייכן מיט אַ פאַשיסט, ווי אורי צווי גרינבערג, אָדער באַ־הויפּטן, אַז זיין „ברענענדיק שטעטל" איז „מויזנלאַד רעציקדיוו".

וואָרום, וואָס איז דער עמעס וועגן מעינקע קאַץ און זיין פּאָעזיע?

אנגעהויבן האָט ער אין אונדזער ליטעראַטור מיט זיינע „דריי שוועסטער". ער האָט זיך אין יענעם ערשטן בוך לידער זיינעם פּראָקלאַמירט ווי דער קעניג פון אַלע הימלאַזע קעץ און הינט. דאָס איז געווען אַ בוך וואָס האָט אין זיך געטראָגן אַלע סימאָנים פון איסט־בראָדווייער דעגענעראַציע, נאָר מער פאַרשאַרפט און פאַרשפּיצט, ווי ס'איז דאַן געווען די מאָדע בײַ די בירגערלעכע דיכטער. צוליב זיין איינגאַרטיקן טאַלאַנט, האָבן מיר מיט מעינקע קאַצן זיך שטאַרק גע־שלאָגן. ער האָט ווידערוויליק, ווי ס'גייט אַף אַזאַ אַקשאַנעסדיקע נאַטור ווי זיינע, זיך גערוקט פאַרויס צו זיך, צו זיין קלאַס און צו זיין פאָלק. ער איז געגאַנגען ווידערוויליק, נאָר ער איז דאָך דערגאַנגען צו זיין „מענטש אין טאָגן" — אַ באַנד לידער, וואָס האָט אָנגעמערקט אַ שאַרפן ריס מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, כאָטש אויך דאָ האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט די איסט־בראָדוויער הינטער־הויפן. נאָר דאָ האָט מען פאַר זיך דערזען אַ דיכטער אַ קרעפטיקן — מיט כעסרוינעס, אָבער מיט נאָכמער איינגעבאַרענע מאַילעס. דאָ איז שוין זיין בילד און זיין יראָפּט אויסגעוואַקסן. און גאַנץ נאַטירלעך אַזוי — ווייל דאָ אין דעם צווייטן בוך, האָט ער שוין געשילדערט די ווירקלעכקייט פון אונדזער היינטצייטיק לעבן. דאָ איז פאַראַן דער געראנגל פונם מענטשן, סיי דאָ אין לאַנד, סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין כינע, סיי אין דעם אידישן אַרבעטער לעבן. די נאָענטע ווירקלעכקייט האָט אים געגעבן מער קראַפט, אַ שאַרפער געצייכנט בילד. ער איז שוין געשטאַנען אַף גאָר אַן אַנדער פּאַליוס, ווייט פון זיינע קראַנק־פאַנטאַסטישע בילדער פון הינטער־הויפן מיט הימלאַזע קעץ און הינט. אין דעם „מענטש אין טאָגן" זיינען שוין די לידער קימאַט אינגאַנצן אַף רעוואָלוציאָנערע טעמעס, רעוואָלוציאָנער באַהאַנדלט, דערפאַר

איז זיין פארב טאקע האפטיקער, זיין שורע עלאסטיש בויגעוודיקער און זיין פערז בעסער ארגאניזירט.

מיט זיינע לעצטע צוויי בענד: „ברענענדיק שטעטל", האט זיך מעינקע קאץ א רוק געטאן מייל־ווייט פון זיינע „דריי שוועסטער" און פיל־פיל ווייטער ווי ער איז געווען אין „מענטש אין טאגן". פאראן אבער בא אונדז אזא מין „גרויסע טראכטער" — האבן זיי א בלע־טער געטאן דעם בוך און געפונען: אין „דריי שוועסטער" איז געווען גרויל, אין „ברענענדיק שטעטל" איז פאראן גרויל; דערפאר איז „רע־צידיוו פון מויזנלאד", דער איינציקער אויספיר אט־פאשעט, אזא מין וואולגאריזאציע. ס'איז זיי שווער צו באנעמען, אז אין „ברענענ־דיק שטעטל", דארט וואו אונדזערע אידישע פאלק־מענטשן זיינען אומגעקומען אונטערן פייער פון פיינטלעכע ארמייען, איז דער גרויל אן עכטער, אזא וואס מעינקע קאץ האט אריינגעזאפט מיטן מילך פון זיין מאמעס ברוסט. אין „דריי שוועסטער", ווידער, איז עס געווען פאנ־טאסטיש־צוגעטראכטער גרויל — טאקע דערפאר וואס מעינקע קאץ האט יענעם טראגיזם פון מיכאלישעק און סווינציאן ניט געהאט אויס־געלעבט אין זיך. דאס גרויל־בילד, וואס זיינע אויגן האבן איינגעזאפט אין זיין קינדהייט האבן אין „דריי שוועסטער" געקראגן א פארקריפלטן אויסדרוק, אים פארפירט אף קרומע וועגן, ווי מעינקע איז אליין מודה אין זיין „מענטש אין טאגן". דער גרויל און צאר פון מיכאלישעק און סווינציאן האט זיך אויסגעקריסטאליזירט ערשט מיט זעקס יאר שפעטער, ווען דער באוואוסטזיין איז געווארן שארפער. איצט, מיט א געקרעפטיקטן טאלאנט האט מעינקע קאץ געבראכט אזוינס אין דער פראלעטארישער ליטעראטור, וואס פארשמייסט אין קאף־האסאל די פאנטאסטיש־צוגעטראכטע גרויל פון קעצישע הינטער־הויפן. דא גיט ער אונדז שוין דעם לעבעדיקן צארפולן לעבן פון זיינע אייגענע און נאענטע, פון אונדזערע אייגענע און נאענטע, אין דעם קליינעם ליט־ווישן שטעטל, בעאיים דער וועלט־מילכאמע.

אונדזערע „גרויסע טראכטער" וואלטן געמעגט זיך א פרעג טאן: צי איז דען מעגלעך פאר אן עכטן דיכטער, וועמענס טאלאנט אויך זיי האבן ניט געוואגט אפצופרעגן, ווען ער זינגט וועגן דעם וואס איז אים איינן און נאענט, בלוט פון זיין בלוט און ביין פון זיין ביין, — צי איז דען מעגלעך צו זינגען מיט די זעלביקע טענער, מאלן מיט די זעלביקע פארבן ווי באם צוגעטראכטן גרויל פון קעצישע און הינטישע הינטער־הויפן? ניין, ס'איז ניט מעגלעך! און וואלטן אונדזערע „גרויסע טראכטער" געווען בעקויעך צו זען, וואלטן זיי עפשער ניט פארפירט קיין פרינציפנלאזן און צינישן אנפאל אף מעינקע קאץ, וועלכער האט

נעדארפט באגריסט ווערן פאר געבן אונדזער ליטעראטור אזא ווערק ווי „ברענענדיק שטעטל". איך זאג נאכאמאל: ס'איז פארדריסלעך ביז גאר, וואס דיכטער מיט נעמען און פארדינסטן אין אונדזער ליטעראטור, האבן זיך געלאזט אפן זעלביקן וועג פון די „גרויסע טראכטער", וואס אפט ווייסט איין גאט אין הימל מיט וואס פאר אן אפאראט זיי טראכטן.

וואלט מעינקע קאץ אליין געווען א מענטש וואס טראכט ניט דורכאויס מיטן הארצן, וואלט ער ניט אריינגעפאלן אין די שווערע, איידייאישע טאעסן, אין זיין ליד „דער בראווער פאכדן". זייער אפט פאלט איין: ווען אט דער וואונדערלעכער דיכטער מעינקע קאץ, וואלט געקאנט פאראייניקן זיין באוואוסטזיין, זיין מארך מיט זיין הארצן, וואלטן מיר אין דער פראלעטארישער ליטעראטור געהאט א דיכטער, א געניע. שוין היינט דערמאנט ער אפט, און אפט שטייגט ער אריבער מיט זיין טיפער בילדלעכער שילדערונג און מיט זיין קראפט, די בעסטע דיכטער בא אידן. פארגינט ער אבער ניט, ווייזט אויס, דעם אידיש הארעפאשנעם פאלק. דאווקע מוז ער אריינפאלן אין יענעם סוביעקטיוון טאן, וואס נעמט אים אראפ פון זיין פאעטישער הויך, ווי עס ווייזט די דירעקטע שילדערונג וועגן זיינע סעגנער אין דעם איצטיקן בוך: „ס'האט דאס ווארט מיין באבע מאינע". די סאטירע מיט וועלכער ער שניידט זיך אריין אינם לייב פון זיינע קעגנער איז עכט, עמעסדיק, נאר דער אנגריף בלייבט דאך א סוביעקטיווער, א פערזענלעכער. ס'איז פאראן אן אונטערשייד צווישן מענטש און מענטש. עס זיינען פאראן אידן און צווישן אידן זיינען פאראן אידליקעס. עס זיינען פאראן דיכטער, וואס וויפיל מעינקע קאץ זאל ניט האלטן פון זייער דיכטונג, בלייבן זיי דאך פאעטן מיט באשטימטע פארדינסטן, וואס מען קאן ניט אויסמעקן. נאכמער — מעינקע קאץ וואלט ניט געדארפט האבן דעם פארלאנג אויסצומעקן אזוינס, וואס איז אים ניט געפעלן. פאראן ווידער אזעלכע אנגעבלאזענע און אויפגעבלאזענע דיכטערלעך און מענטשעלעך — און אויך זיי האבן א רעכט אויף זייער לעבן. מעינקע קאץ, אין זיין צארן פאר דעם אומגערעכטן אנפאל אף אים, אונטערשיידט ניט שווארץ פון ווייס, גוטס פון שלעכטס. דעריבער פאלט ער אריין אין פעלערהאפטע אויסדרוקן און ער וויכט אפ פון דעם ווירדיקן וועג פון א דיכטער. די שארפקייט פון דער אטאקע אף אים בארעכטיקט ניט, ער זאל, עמעס, אויף זיין אייגנארטיקן און דיכטערישן אופן, אפצאלן זיינע סאנים מיט זייער אייגענער מאטבייע.

צאלנדיק מיט דער זעלביקער מאטבייע, לאזט זיך מעינקע קאץ

ווידער אוועק אין זיין קליין שטעטל. און כאטש ער בויט זיך ניט קיין עלפאנטביין טורעם, בלייבט דאך אויגנשיינלעך דער פאקט, אז ער נעמט ניט אויף איצט די היינטצייטיקע ווירקלעכקייט. די גרויסע, ריזיקע, העראאישע קאמפן פון אונדזער צייט — ניט אין שפאניע, ניט אין כינע, ניט אין אמעריקע, ניט אין ערגעץ אף דער וועלט, האט מעינקע קאץ לעצטנס ניט באַרירט. אפילע ניט דער גרויל און צאר פון די אידן אין אונדזער איצטיקער וועלט, וואס מוזן אנצינדן יעדן מענטשן און ספעציעל דעם דיכטער, האבן מעינקע קאצן לעצטנס ניט באוועגט צו שרייבן קיין איינציק ליד. מעג ער ווי זיך וואַרפן אויף זיינע אנפאלערס, בלייבט דער פאקט, אז איינער פון די וואס האבן אים אומגערעכט אטאקירט, פון וועמען מעינקע קאץ מעג ניט האלטן, האט דאך דעם העראאישן קאמף פון שפאנישן פאלק געווידמעט א גאנצן בוך, האט ער ווי אנדערע דיכטער זיך דאך אפגערופן אף די הייסע קאמפן, האבן זיי דאך באזונגען, עמעס, אף זייער שטיינער, די נויטן פונם פאלק. ס'איז אויך עמעס, אז פון שטאנדפונקט פון פאעזיע, האבן גאר א סאך פון אונדזערע היינטצייטיקע לידער א קנאפן ווערט. נאר אויב א דיכטער, א פראלעטארישער דיכטער ווארפט עמיצן פאר, אז זיינע לידער לײַדן פון „רויטע עקן", און ער פילט אז ער האט טאלאנט, און מעינקע האט אים, געבענטשט זאל ער זיין, איז ער מעכויעוו צו געבן דאס עכטע ליד, איצט, ווען די העראאישע קאמפן פון אונדזער צייט. אויב ער שווייגט, אויב ער רופט זיך ניט אפ, ווי עס טוען זיינע כאווײרים דיכטער, ווערט זיין שווייגן פונקט אזא פארברעכן ווי די „רויטע עקן".

מעינקע קאצ'ס איצטיקער בוך: „ס'האט דאס ווארט מיין באבע מאינע", פרובירט געבן אן ענטפער אף א ריי פראגן אין אונדזער פאעזיע, הויפטזאכלעך אף דער פראגע פון „רויטע עקן". ס'איז א פאלעמיש בוך. נאר מעינקע קאץ האט אנגעשריבן ניט קיין טרוקענע און ניט קיין אנגעבלאזענע פאלעמיק, נאר א לעבעדיקע, מענטשלעכע שילדערונג פון געשטאלטן און געשעענישן, סיי אזעלכע וואס האבן נעלעבט אין זיין גערעכעניש, ווי זיין באבע מאינע, סיי אזעלכע וואס ער האט צוליב פאלעמישע צוועקן אויסגעפאנטאזירט, ווי „דאס ריזעלע מאביר קורמויס". דורך די געשטאלטן, פירט ער ארויס צום פאדערגרונט זיינע פילאסאפיעס און טראכטונגען וועגן לעבן און מענטשן. און ווען מען זאל אפרוקן אין הינטערגרונט דאס פאלעמישע אינם בוך, וואס איז געווען מעינקע קאצ'ס הויפט־ציל, וועט נאך אלץ בלייבן די וואונדער־מאיסע און עס וועט נאך אלץ בלייבן דאס וואונדערלעך בילד און אימאזש און עס וועט בלייבן די ווארעמקייט פון הייס־שטראמיקן

בלוט, בעאיים ער צערעכנט זיך מיט זיינע אנפאלערס, וואס איז אויך א מענטשלעכער שטריך, — וועט דאך איבעראַלץ בלייבן א פאעטיש ווערק פאר זיך, אפגעזען פון דער פאלעמיק. און אין דעם ליגט א פרוּ־ביר־שטיין פון אן עכטן דיכטער, א זאך וואס נאר פרינציפּנלאָזע צי־ניקער קאָנען פארווישן אונטערן האנט און זיך וואַרפן מיט ווערטער וואס זיי האבן אויפגעקליבן אף קליינבירגערלעכע מערק.

יע, ווידעראמאל האט מעינקע קאַץ אויסגעהאלטן דעם פרוביר־שטיין פון אן עכטן, רעוואלוציאנערן פאעט. נעמענדיק פאר אן איידעם זיין באבע מאינע, פון וועלכער ער ציט די שנור ביז אונדזערע איצטי־קע דוירעס, האט ער בילדלעך־קרעפטיק אונדז געוויזן א וועלט „מיט דוירעס העקדעש אין די אויגן", דורך וועלכן די באבע מאינע איז גע־נאנגען „זוכנדיק אומזיסט די צוגעזאגטע זונאויפגאנגען". די באבע מאינע איז געשטארבן אין צאר, אן אפגעגארטע אין אירע האפענונגען און אין די צוזאגן פון דער טכינע. נאר מיט זיין מערקווירדיקער וויזיע זעט מעינקע קאַץ, אז זיין באבעס „פארלאשענע זונען וועט דער צע־טראטענער נעכטן שוין ניט געפינען", נאר — — — —

אין מיין ביין, אין מיין בלוט — — — —
איז דיין פארלאשענער טאג ערשט אויפגעגאנגען.

ס'איז ערשט אויפגעגאנגען דער פארלאשענער טאג. ער האט ערשט אנגעהויבן דערזען דאס גרויס, וואונדערלעך ליכט פונם מענטש־לעכן לעבן, אזוי וואונדערלעך ווי מעינקע קאַץ איז אליין. דער פאר־לאשענער טאג פון זיין באבע מאינע דארט אין מיכאלישעק און סווינציאן — אין אלע אונדזערע שטעט און שטעטלעך פון דער אל־טער היים, האט אים איבערגעלאזט א יערושע ביז אונדזערע היינטיקע טעג. די יערושע —

ווערטער: איבער טורעמס, קרומע געסעלעך שטערן.
ווערטער וואס הילכן פון שרייענדיקן שטאל,
מיט באשיידענעם רויש פון אמאל.
ווערטער — צארנדיקע סקווערן,
פארליבט ווי מיכאלישעק, הונגעריק ווי סווינציאן.
ווערטער דערוואַרגענע אף טליעס, ווערטער טויטו־בלומען.
דערציילן וויפיל קלאנג אין דער שטומקייט איז פאראן,
מיט וויפיל זון די שווארצקייט איז דורכגעוומען.

מיכאלישעק און סווינציאן האבן אים געפירט צו פארבינדן דעם גוירל פון אָרימען, ערלעכן פאלק, פון דעם קליינעם, אָרימען, אידישן שטעטל, מיט ווערטער — צארנדיקע סקווערן, ווערטער ווי שרייענדיקער שטאל, וואס הילכן מיט באשיידענעם רויש פון אמאל; ווערטער ענלעך

אפֿן הונגער פֿון סווינציאַן — אױף דער פּאַרליבטקייט פֿון מיכאַלישעק. אַזױ זינגען קאָן נאָר אַ דיכטער באַ װעמען אין האַרצן זינגט די ליבע צו װעלט און צו מענטש; אַ דיכטער װאָס פֿילט, אַז קײן שום אַנפֿאַלן װעלן אים ניט אָפּקערן פֿון זײַן דיכטערישן װעג און אַז זײַן געזאַנג געהערט צום האַרעפּאַשנעם פֿאָלק, צום אַרבעטער קלאַס.

איך װאָלט געראָטן די דיכטער װאָס זײַנען באַפֿאַלן מעינקעס קאַצן, זײ זאָלן זײער אױפֿמערקזאַם לײענען זײַן איצטיק בוך, און אױב אַפּי־לע עס רירט זײ אָן צו שאַרף, לאָזן אָן אַ זײַט זײער קאַעס, פֿאַרגעסן אַביסל אָן זײער עגאָ און פּרובירן אים פֿאַרשטײן. און אױב אַפּילע זײ װעלן געפֿינען, אַז זײַן ליד איז קרעפּטיקער פֿון זײערס, אַז ער איז זײ װײַט אַריבערגעשטיגן אין דער פּאָעזיע, זאָלן זײ ניט װערן אױפֿגע־רעגט און ניט פּרובירן זיך באַהאַלטן הינטער פֿאַרשטעלטע אַנצוהע־רענישן און ניט װאַרפֿן אים אין פּנים אַרײַן קײן „פֿאַשיסט" און קײן „מױזנלאָד רעצידיװ". דאָס פּאַסט ניט פֿאַר קײן דיכטער. װען מען זעט אַ כאַװער, אַ דיכטער װאַקסן, דאַרף עס פֿרײען, דאַרף מען אים העלפֿן און ניט אים רײַסן, קעדײַ מיט דעם זיך אַלײן צו דער־הײבן...

װאָס איז שײַעך מעינקעס קאַצן, װילט זיך האָפֿן, אַז ער װעט זיך צו דער איצטיקער טעמע און צום שטעטל ניט אומקערן. (איז זײַן „ברענענדיק שטעטל", בוך III און IV, פֿאַרשטײ איך, װעט ער שילדערן די שטעטלשע מענטשן אין אַמעריקע). װאָרום װי קרעפּטיק און שײן ער זאָל װעגן דעם ניט זינגען, און װי באַרעכטיקט זײַן פּאָלעמיק זאָל ניט זײַן, איז אָבער אונדזער װעלט אַזאַ גרױסע און דער געראַנגל פֿאַר אַ נײַער װעלט אַזאַ הײסער, אַז ס'איז פֿיל װירדיקער און פֿיל נוצלעכער פֿאַר אַ דיכטער צו פֿאַרװענדן זײַן טאַלאַנט אױף די פֿאָלק־שלאַכטן — יע, אױף שפּאַניע, כינע, די אידן, אפֿן דעמאָקראַטישן פֿראַנט און פֿאָלק־פֿראַנט — װי אױף פּאָלעמיק מיט אומגערעכטע אַנפֿאַלער. די אַנפֿאַלן, מעג מעינקעס קאַץ געדענקען, װעלן אים ניט שאַטן. זאָלן די װעלכע צװײפֿלען אין זײער טאַלאַנט װאַרפֿן זיך מיט אײפֿער צו באַשיצן זײער עגאָ. אַ מענטש װי מעינקעס קאַץ, מיט אַן עכטן טאַלאַנט, דאַרף אַזאַ מעטאָד ניט אַנװענדן. דער בעסטער סימען פֿון זײַן גרױסקייט און נוצ־לעכקײט פֿאַר זײַן קלאַס און זײַן פֿאָלק װעט זײַן, װען ער װעט אײַנ־גאַנצן זיך מאַכן ניט װיסנדיק װעגן די אַנפֿאַלן. װען ער װעט זיך אױסלערנען לאַכן הױך און הילכיק פֿון די „גרױסע טראַכטער" און ער װעט זיך גײן מיט זײַן װעג, װאָס מוז אים פֿירן צו װערן דער גרױסער רעװאָלוציאָנערער דיכטער פֿון אונדזער צײַט.

װיליאַם אײבראַמס.

אמאָל איז געווען א מאַיסע

איך בין די באָבע — מיכאַלישעק.
פון מיין מאמעס ברוסט האָב איך געזויגן,
פון „ברענענדיק שטעטל״ — די צעצונדענע שרעק.
איך בין די באָבע — דאַלעס, איבער אַ טבינע געבויגן.

איך בין די באָבע — דאַלעס:
דאָס הארץ פון א בלוי אויפּעלע דורך בלענד פון פראָסט.
מיין שרעק איז —
הירשע-לייב-טאַרשיש הענגענדיק — אין א פּעטליע פון טפילין;
מיין שרעק איז —
אַף אַ הינטישן עק — אַ פּאַגראָמירטער טאַלעס,
ווען פאַר דעם כאַרעוון אָרנקוידעש פון א געשענדטן
בעיסמעדרעש,
פארגייט ער זיך אין אַ שיידימדיק בילן.

איך בין די באָבע — פארגאַנגענהייט,
נאָר גאָט קען ריידן פון אזוי ווייט.
אויב מיינע טעג זיינען ראָסט, אינגאנצן ראָסט,
האָט די צייט פארבלוטיקט דעם ראָסט.

איך בין טויט, שוין דוירעס טויט,
נאָר דורך מיינע אייניקלעך, בין איך דער טויטנדיקסטער צאָרן—
קעגן האָמאָנען און טאָרקוועמאַדאָן.
איך בין נאָכט, שוין דוירעס נאָכט,
נאָר אין וואונדן פון מיין פאָלק אָנגעטאָן,
בין איך אינגאנצן: רויטע פאָן —
בין איך דער טאָגנדיקסטער טאָג,
וואָס וועט די נויט, דעם שעד און דעם כוישעך פאַריאָגן.

אַמאָל איז געווען אַ מאַיסע:
אַ פאַרויכערט שטיבעלע, ווי פון וואָלקנס געבויט.
אױף דעם ערדענעם דיל — אַ פאַרלאָשענער הימל.
אין נאָענטן בעיסוילעם וואוינט דער טויט —
מיט אַ גוף פון גראָז, מיט אַ האַרץ פון שימל.

צו אַ שוואַרצן ערגעץ־ניט, די כמאַרעס רייזן,
באַגעגענען דעם פיינט — די ווייטע שיין.
דורך די פענצטערלעך, די אייביקע הויכן ווייזן,
ווי אייביק־אייביק, ס׳וועט אונדזער ליבע זיין.

די גריל ווערט ניט מיד די שאָען צו זעגן.
אָן אומעטיק גראָז פון אונטער אַ שטיין,
רייסט זיך פרעגן —
צי ס׳איז זומער אױף דער וועלט,
רייסט זיך הערן — אין גריל דעם אייגענעם געוויין.

מיין טאַטע דרעמלט און האַלט מיך באַם קלייד,
איך זאָל צום ליבסטן ניט אַנטלויפן
און איך בין נאָך אין טרוים פון זיינע רייד:
אַ קאַלע מיינע,
ווער קען אַ שפּרינקעלע זילבער פון דער לעוואָנע קויפן?
און איך וועל פון לעוואָנע — דאָס גאַנצע זילבער דיר געבן.
דאָס מינדסטע פליגעלע, איז אַ שאָ מיט גאָט און מיט די שטערן
און מיר וועלן אַ גאַנצן מעסלעס, דורך דער אייביקייט שוועבן.

אונדזער ליבע איז ענדלאָז־ענדלאָז,
נאָר וויי, מיין קאַלע, וויי,
אויך די ענדלאָזיקייט האָט אַ ברעג,
אָן עידעס איז: די שרעק אין בעיסוילעמדיקן גראָז.

הער, אין קוימען — דער ווערגנדיקער ווינט,
דערמאָנט אָן מענטשן געהאַנגענע.
זע, אױף אַ פאַרנאַכטיק שויב,
איך און דו — דוירעס לאַנג־פאַרגאַנגענע.

אָ, קאַלע מיינע:
אַן איבערמאַרגן האָב איך געזען,
שפּראָצן פון דער פאַרליבטער ערד —
ער איז אין ערעוו־פרילינג געווען.
דורך יעדן בלעטעלע, האָב איך אים שעפּטשען געהערט:
„איך בין דאָס שיקרעס פון ניט־דערגרייכטע וויינען.
דורך שטאָק־פינצטערניש וועט מיר זיין באַשערט,
געפינען —
אַ בלאַנדזשענדיקן באַגינען;
נאָר ווײ, מיין קאַלע, ווײ —
די פרילינגדיקסטע פרילינגס וועלן אויך פאַרגעלן
און די טויטע זונען, וועט דער פראָסט צעשיינען.
דער ווייטסטער מאָרגן, וועט אַ ווייטסטער נעכטן זיין.
די אייביקסטע שיין, וועט דער אייביקייט ניט צעהעלן.
דער מענטש וועט קליי̆בן,
פון אַ לעגענדאַרישן פעלד — דאָס אויסגעקלערטע שניט;
אין אַכרים־האַיאָמים וועט בלייבן,
פון אַ געוועזענעם אָונט — דאָס פאַרגאַנגענע גאַרנישטניט".

מיין טאַטע דרעמלט און האַלט מיך באַם קלייד.
איך זאָל צום ליבסטן ניט אַנטלויפן
און איך בין אַלץ אין טרוים פון זיינע רייד:
ש־ש, מיין קאַלע, ש־ש־ש,
דער פעטער שנייער איז דאָ,
אין צזאַ קלאָרינקער שאַ —
אַזויפיל בליאַסק האָט דעם קראַנקן כּוישעך אויסגעהיילט;
ש־ש, מיין קאַלע, ש־ש־ש,
דער פעטער שנייער דערציילט:
פון אַלע ליכטיקייטן איז אונדזער ליבע העלער, —
נאָר ווײ. מיין קאַלע, ווײ.
אַ העלסטער טויט — איז דער העלסטער שניי.

ס׳האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאַינע

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין שטיבל איז אָרים, מיין שטיבל איז גרוי.
אַ פינגערל זון — אַ רעדעלע אומעט,
ווי אַ צעטראָטענע רויז, די גרוים —
דרייט ארום מיר זיך ארום, —
נאָר דעם אויבערשטן אַ דאַנק און אַ לויב,
ס׳הארץ איז ניט אָרים, ס׳הארץ איז ניט גרוי.
זע, אַף די לאַטעדיקע שויבן,
אַזאַ צויבערדיקע נאַכט איז ארוים —
אַ נאַכט מיט פייגל, מיט ווינט, מיט פלאַטערדיקן וואונדער,
מיט ליכט געניג, אין ערשטער שאָ צו טאָגן.
אָי, ווען כ׳זאָל נאָר מיין אייניקל,
פאַר די געסט — די שטערן,
מער קיבעד — מער פענצטערלעך פאַרמאָגן.

אונטער דעם פריילעכסטן פייער איז טרויעריקער אַש פאַראַנען.
דער בוים זעט זיך אין כאָלעם — אַ טהאַרע־ברעט
און די צווייגן אין ווינט שרייען גוואַלד,
ווען דער העקער רעדט פון דער שיינקייט פון וואַלד.

אין אַ פרילינגדיקן וואַלד נאָך מער געוויין,
ווען ליבע רופט די וואַנדער־פייגל אַריין
און ס'טראָגט זיך פון געבורט — אַ האָפערדיק געשריי.
די ביימער, צו די הויכן זיך ציען,
ווי זיי וואָלטן רייסן זיך פליען;
דער פרילינגדיקער וואַלד ווערט גרין פון פיין:
— ווײַ! ווײַ!
דער העקער זאָגט — איך בין שיין!

הער, דער שטורעם דערציילט:
פאַראַנען מיצוועס וואָס זינדיקן אפילע אין גאַנעידן,
דורך זיי די שיינקייט, ווי אַף קוליעס גייט;
פאַראַן אַוועירעס וואָס זינדיקן ניט אפילע אין געהענעם,
דורך זיי, דער געהענעם — איז די ווײַנענדיקסטע פּלייט.

ווי ס'גלוסט דעם הונגער צו דער זעט,
גלוסט די זעט צו דעם הונגער.
צום דורשט פון מידבאַר ציט דעם יאַם,
ווי ס'ציט דעם מידבאַר צום אַנגעטרונקענעם יאַם.

דער רעגן וועט דעם שטויב קיינמאָל ניט פאַריאָגן.
דער שאָטן וועט פון ליכט זיך קיינמאָל ניט שיידן.
אין מאַירעוו מוז זיין נאַכט און נאַכט און נאַכט,
איידער אין מיזרעך הויבט אָן טאָגן.

הער, דער שטורעם דערציילט:
דעם דונער איז באַשערט,
דעם פּיין פון שטאַמלער אויסצושרייען, —
דערפאַר איז דאָ אַזויפיל שטומקייט אין דעם דונער,
אַזויפיל דונער — אין גוואורעדיקער שטומקייט,
נאָר ווײ צום שטאַמלער וואָס וויל ווי דער דונער שרייען.

אָף אַ יאָגנדיקן באַן, זײַנען אַלע וועגן באַנען —
אין ווײַט הילכט ווי שטאָל, דאָס ווינטיקע קלאָגן;
דורך די אימפּעטדיקע שויבן,
איז יעדע פּלאַציקייט — אַ פליענדיקע רייף;
פעלדער הויבן סטאַדעס בעק אין שווינדלדיקן לויף, —
אָף אַ יאָגנדיקן באַן, זײַנע אַלע בעק באַנען,
נאָר ווײ צום באָק וואָס וויל ווי דער באַן זיך יאָגן.

הער, דער שטורעם דערציילט:
די רעציכע פון ניט פאַרקיטעוועטע שויבן
און די בייזע לאַדנס אין געשלעג מיטן ווינט,
קענען אַ ווינטערדיק שטוב צום פרילינג ניט הויבן.

אימירצעשעם, שפּעטער —
וועל איך די שענסטע באָבע־מאַיסע דיר דערציילן,
פון א שנייאיקן פּעטער,
מיט א קאָפּ — צען בערג, מיט פיס — טויזנט היילן.

דערווייל, אַ מאַיסעלע אַ פּראָסטע וועסטו הערן,
ווי עס שווערט זיך א גרויער שפּאָן:
איך בין דאָס גאַנצע זילבער פון די שטערן,
איך בין דער שטורעם, איך בין די רויטע פּאָן.

דערווייל, אַ מאַיסעלע, אַ פּראָסטע וועסטו הערן,
ווי עס טרומייטעוועט אַ שטרוי —
איך וועל דעם פייער אין ווינט פאַרצאַמען;
ווי עס ציגעט אַ ציגעלע — איך בין עלטער פון מיין מאַמען,
ווי עס כאָרכלט אַ בלאָטקעלע — איך בין דער יאַם:

דאָס ריזעלע

דאָס ריזעלע

פֿאַראַן אַ רויט, מײַן קינד:
פֿון מײַנע אייניקלעך, דאָס געשענדטע בלוט —
פֿון אַ רויט אַזאַ און פֿון דער נאַכט פֿון קוואָרים,
שפּינט דער ראָשע זיך אַ פֿאָן, —
איז די פֿאָן — אַ פֿאַרבלוטיקטער קנוט,
איז די פֿאָן — אַ פּעטליע אין ראָשעס האַנט.
מיט זײַן פֿאָן, מײַן טויטן האַלדז נאָך ווערגט ער.

אָי, דער האַמאַן בימעי אַכאַשווערעס — איז דער האַמאָן בימעי מיכאַלישעק.
אין נאָבעלן צילינדער, אין נעטן פֿראַק,
איז ער דער שעכטער פֿון וועלטישער באַינע.
מײַנע טאַכריכים, שוין אַזויפֿיל דורעס רײַסט ער
און מיט די ריסן פֿון דעם הייליקן געוואַנט,
די זון פֿון מײַן פֿאָלק אַלץ בלינדער פֿאַרהענגט ער.
אַ ליכטיקייט פֿון דעם בליאַסק פֿון גילאָטינעס ברענגט ער —
אָי, האַמאַנס ליכטיקייט!
און ס׳לויכט די האַק,
ניט נאָר איבער די מאַרטירער-אייניקלעך מײַנע, —
ס׳לויכט אויך די האַק,
איבער די שוין לעצטע גלידער פֿון דײַן טויטער באָבע מאַינע.

ס׳האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאַינע

פאַראַן אַ רויט, מיין קינד,
האָפּערדיק ווי אַן ערשטער זונאויפגאַנג —
קלאָר, ווי דער ברעישים איז קלאָר פון זינד.
אַ רויט וואָס פלאַטערט איבער אייביקייט — אונדזער פאָן.
אַ רויט לעבעדיק, ווי ראַבי־אַקיוואָס טויט.
אַ רויט וואָס לויכט ווי בליץ אַדורך דאָס בלוט
און לאָזט דאָס הארץ אין צויבערדיקן גאַנג.

און פאַראַן אַ־רויט מיין קינד,
וואָס קען ניט זיין קיין פאָן,
ווי ס׳קען אַ לויזער צאָן ניט זיין קיין שווערד.
אַ רויט, מיין קינד,
פון וואָס דעם שטאַרקסטן אַפילע, ווערט צומאָל באַם לעפעלע
ניט גוט.
אַ רויט פון פיאַטע אַרויסגעקנייפּט, אַ פאַלשן וואָרט צו באַפאַרבן.

אַ רויט, אַ ריזעלע אַזאַ —
ניט פון רעגן, ניט פון זון וואַקסט ער.
אַ ריזעלע — אוי־וואַ, אוי־וואַ,
קעגן מיר, ווי קעגן סוינע טראָגט ער,
אַ טינטיקן טכויר, אַ וויסטן ביקס אַזאַ, אַף דעם „בראַוון"
אקסל, —
וואָס געווים ניט פון וואוילטאָג, האָט מיר פאַרגלוסט זיך שטאַרבן
און ניט קיין יאַנטעוודיקע מאַצעיווע, נאָר אַ וואָכעדיק ברעטל.
פון מיין פראָסטן ייכעס דערציילט:

„דאָ ליגט די גוטע באָבע מאַינע —
אַלעהאַ־האַשאַלעם, אַלעהאַ־האַשאַלעם.
אין יעדן ווינטעלע, זאָל זי דאַווידס האַרף הערן.
עיליאָהו־האַנאָווי, זאָל איר קומען צו כאָלעם.
אירע מיצוועס, ניט צו ציילן, ווי די שטערן.
בעכינעם האָט זי אין דאַלעסדיקן שולהויף,
געהיילט דעם פּיפּעץ פון יעדן קראַנקן אָף.
בעכינעם האָט זי פון שאַכרים ביז שפּעט,
פאַר דעם העקדעש — געוואַשן גרעט
און פאַר די ליידיקע טאַרבעס, די אַיענהאָרעס אָפּגעשפּראָכן.
מיט אונדזערע זונפאַרגאַנגען פלעגט זי טרויערן.
מיט אונדזערע באַגינענס פלעגט זי האָפן.
דורך ביימש און דורך יאָמער,
האָט זי געשלעפּט אונדזער גאַליקן אינדערוואַכן.
מיט איר לעצטן אָטעם,
האָט זי געהויכט דעם פּראָסט פון אונדזערע שויבן.
אָי, ניט בעכינעם זאָל זי אָהין־אַהין אָרויף,
זיין פאַר אונדז אַ בעטערן דאָרט אויבן־אויבן
און דער וואָס לעבט אייביק־אייביק, —
אויב ניט פון גאַנעידן, די פּאַדערשטע טויערן,
זאָל כאָטש אַ הינטער־טיר, האַלטן פאַר איר אָפן־אָפן".

אַ רויט — אַ ריזעלע אַזאַ,
אַ ריזעלע — אור־וואַ, אור־וואַ,
האָט איבער דיין קאָפּ, מיין קינד,
מיין ייכעסדיק מאַצעיווע־ברעטל צעבראָכן
און האָט זיך אַפילו —
דאָס זינדיקע האַרץ נים פאַרשטאָכן.

אַ רויט — אַ ריזעלע אַזאַ,
אַ ריזעלע, אור־וואַ, אור־וואַ,
רופט מיינע טאָכריכים, מיינע וויסטע ווינטערס, „באָבע־טאַלצע",
וואָס נאָך מיר און מיין פאַרהאָרעוועטן ייכעס ביסטו אַ נאָמען.
דער „סטראַטשער" מיל געדענקט נאָך די ערלעכע קאָרן־זאָמען,
פון מיינע עלטער־זיידעס, די מעליקע מילנער —
וועמענס פראַצע האָט פעלדיש געשמעקט אַזש אין ווילנע.

דאָס ריזעלע

איז וואָס,
אַז ניט ווי ער,
פֿלעג איך אַף דעם זייגער פֿרעגן,
די גוטע זון און דעם שטאָלצן האָן,
אַז פּונקט ווי ער, האָב איך מיט דריי פֿינגערלעך געשריבן.
איז וואָס,
אַז מיט אַ וויאָלן רויט, ווי פֿון פֿאַרוויאַנעטן מאָן,
קען ער וויאַנען אַף פֿרייד פֿון מאָרגנדיקע וועגן,
אַז ניט ווי איך, קען ער דערציילן —
די באָבע־מאַיסע, מיט דעם קונדעס — דעם בער,
אין כאַזער־געסל באַד,
וואו אַף דעם הייסטן פּאַל,
האָט מען מיט אורקעס שוסטער־אַל,
צען לאַכעדיקע מענטשעלעך, פֿון בערישן בויך אַרויסגענומען;
איז וואָס,
אַז מיט אַ גאַנצן שטורעם, קען ער אַ האַלב ווינטעלע
אויסזשומען,
אַז ניט ווי איך,
קען ער טאַנצן מיט פֿאַרמורזשעטע אייניקלעך אַ זוניקע ראָד;
אַז ניט ווי איך,
קען ער די וואונדיקע טיפֿן פֿון זיין שטאָם ליבן.

אין קינדישע פאַרטאָגן,
איז מיין בלאָטיקע בענקעניש: מיכאַלישעק, סווינציאַן —
פון א פרילינגדיקן כאָלעם — דער גאַנצער בלוי.
אין קינדישע פאַרטאָגן,
איז מיין אמאָל — אַ קינד:
אָף אָנגעגליטע פעלדער — דער קילנדיקער טוי.
דורך שטאָלענעם געזאַנג פון נייאינקע שטעט,
איז מיין אַמאָל — דער שוואונג פון יעדער בו־ענדיקער האַנט;
איז מיין אַמאָל — דער אימפעט פון א נייעם באַן,
וואָס נעמט צום ערשטן מאָל זיך יאָגן.

דאָס ריזעלע

אַ רויט — אַ ריזעלע אַזאַ,
אַ ריזעלע — אַר־וואַ, אַר־וואַ,
ווייזט באַ דער הייליקסטער פּאַן,
אַז ניט ער, נאָר באָבע־טאָלצע איז געווען,
אַ מעשונעדיקסטע שפּין — אין טאַכריכים אָנגעטאָן;
ווייזט באַ דער הייליקסטער פּאַן,
ניט איר לעבן — אַ מאַלאַך פון אַ שעד צעריסן,
נאָר אירע מיצוועס — הינקענדיקע וועזנס;
ווייזט ברואים קוואָרימדיקע נאָך איר לויפן:
קראַנקע לעוואָנעס, צעבויגענע קישעף־רייפן,
אַ מויל אין שאָטנס פון בעיסוילעם איינגעביסן;
ווייזט באַ דער הייליקסטער פּאַן,
פון אירע קאָשערע נעגל — אַ קאָשמאַרן־שפּיז,
צו פּייניקן אַלץ וואָס רויט איז:
אַ רויט — א ריזעלע אזא,
א ריזעלע — אַר־וואַ, אַר־וואַ.

אָ, צען מאָל בראַזווע אייניקלעך מיינע!
אָ, טויזנט מאָל בראַזווע אייניקלעך מיינע!
איר וואָס שטעקט ניט ווי מאָרדכאַי דעם קאָפּ, אונטער אַש אַ זאַק:
זייט צען מאָל שטאָלץ, זייט טויזנט מאָל שטאָלץ,
מיט די גוטע, טכינעדיקע „באָבע טאָלצעס”.

א רויט — א ריזעלע אזא,
א ריזעלע — אר־ווא, אר־ווא,
האָט א „גיפטיק, רויט־פרעסעריש״ פּאָנים,
מײַן קינד דיך אָנגעטאָן.
דעם ליגן באַהאַלטן, אונטער דער גערעכטער פּאָן
און מיט א וואָרט וואָס שמעקט מיט בלוט פון א שאַקאַל,
האָט ער, קעגן דיר, טפו, מײַנע סאָנים,
דורך מײַן צעגרײַזשעטן סקעלעט — אזא קאַצניאָמער געשאָלט:

„העי מיאַאו או מיאַמיאַאו או
מיאַמיאַ מיאַמיאַאו או מעינקע קאַץ
ס׳איז ניט אַמאָל
ווען מיט העלדישער רובאַשקע אַף רויטן סקווער
פלעגסט קלוימערשט קומען
מיט אונדזער קאָל
רעוואָלוציע ברומען
קלוימערשט לעבינס וואָרט מיט פאַרשטאָפּטן אויער הערן
קלוימערשט קעגן סוינע צילן קוילן
און גיך ווי א נערוועזע פלעדערמויז אין שרעק פאר ליכט
מיט פּאָעטישע קרילעס זיך אומקערן
צו די דרײַ שוועסטער דײַנע געליבטע גרוילן

„און דאַן
אין באהעלטעניש פון אַ זעלבסטפּיין קאַמער
אַן ראַסטיקע טשוועקעס דעם קאָפּ קלאַמערן
קעדעי צו פאַרוקן דעם וועלטישן קאַמף
אין אַ שפּעלטל פון אַ פאַרזשאַווערטער זאַווייעסע
קעדעי צו פאַרהילן די דוירעסדיקע קראַמפּן
מיט אַ שלייער פון פּאָוועטינע
קעדעי טאַלאַנטלאָז און שיקער
פון טשאַפּסואי באַגריפן און גיפטיקע ווייַנען
דער רויטער פּאַן אַ צונג שטעקן
און דער איקער דער איקער
זינגען פּאַסקווילן קענן מיר און קעגן לעגינען
סזאָל פּאַר אינזיכיסטן ווערים און פּאַשיסטן קלעקן
ברודנער פייער אונדזער ריינעם עמעס צו פאַרברענען
אַבי סזאָל די פינצטערניש אין עכטן ליד שיינען
העי מיאַאו או מיאַמיאַאו או
מיאַמיאַ מיאַמיאַ מיאַאו או

„העי מיאַאו או מיאַמיאַאו או
מיאַמיאַ מיאַמיאַ מיאַאו או מעינקע קאַץ
דו מיט טוכלען וואַרשטאַט פון קוואַרימדיקן מאַך
באָם מיט שימל אויסגעבעטן מויזנלאַך
איך בין איך בין איך בין
דער רויטער רויטער רויטער זינגער
פון אַ רויטן גראָז פון אַ רויטן האָז און א רויטן נאָז
דו דו דו א דענעמאַרקער שפּין
אַ ווערימל וואָס איז אַראָפּ פון זינען
און ראַיעט זיך א געלעגערל ווערימדיקווייך
ווען איך גיי און גיי און גיי
פאַר דער פאָן אַזש פון דיכטערטראָן אַראָפּ
און ווער און ווער און ווער
פון העלדישקייט און רעציכע בלייך
ווען כהער און הער און הער
דאָס בראָזגען זיך דאָס שפּאַלטן זיך פון יענעמס קאָפּ
איך בין איך בין איך בין
דער רויטער רויטער רויטער זינגער
פון אַ רויטן גראָז פון א רויטן האָז און אַ רויטן נאָז
מיאַמיאַמיאַמיאַמיאַאו אֹו
מיאַמיאַאו או מיאַמיאַאו או או"

נאָך אַ וואונדער, אַי אַ וואונדער,
וואָס אין דיר, האָט ער, מיין קינד,
דעם הער רויטמאַרד ניט דערזען,
דער וואָס פירט באַנאַכט די זון אַ בלינדע —
דער וואָס גאַנוועט דעם פּיסק, דורך אַ כאַלעם אריין
און זופּט אוים
דאָס וואַכע בלוט פון שלאָפנדיקע קינדער —
שעפּטשענדיק:
מיידעלע דו פיין, יע פיין־פיין,
אַמאָל איז געשען, יע געשען,
אַ מאַיסעלע פון גליק —
טשיק־טשיק! כיק־כיק!
מיידעלע דו פיין, יע פיין־פיין;
דער וואָס גאַנוועט דעם פּיסק דורך אַ כאַלעם אריין
און זופּט אוים,
דאָס וואַכע בלוט פון שלאָפנדיקע קינדער,
שעפּטשענדיק:
אינגעלע דו מיין, יע מיין־מיין,
אַמאָל איז געווען, יע געווען,
אַ גוטינקע שטריק —
שטיק, שטריק! שטיק, שטריק!
אינגעלע דו מיין, יע מיין־מיין —
טוליע זיך, קוליע זיך, קול־קול־קול,
טשיק־טשיק! כיק־כיק!

נאָך אַ וואונדער, אַי אַ וואונדער,
וואָס אין דיר האָט ער מיין קינד,
דער הער רויטמאַרד ניט דערזען —
דער וואָס פליט,
דורך דעם קוימען, ווי דורך אַ פאַרויכערט האַלדז ארויס,
לאָזנדיק דעם זומער — מיט פראָסט צעגלים,
לאָזנדיק פוסטע וויגעלעך — פול־פול־פול:
מיט שטיקער סאַזשעדיקער באָרד.

דאָס ריזעלע, אַי דאָס ריזעלע — אַף די אויפגעבלאָזענע שטאָלצן,
האָט אַ פּען — אַ פּאַרמיסטיקט האָלץ:
אָנשטאָט אַ נאָז — אַ גראָבן פּוס-פינגער,
אָנשטאָט א מויל — אַ ווערטערדיקן ראָק,
אָנשטאָט אַ פּלייצע: „איך״ — א פּולן זאָק,
אָנשטאָט אַ קאָפּ — אַ באַראַבאַן-קלינגער.

אָ, ניין! אָ, ניין!
נים דער העלד — דער באַראַבאַן,
וואָס פּירט צום זיג פּאָרויס,
אַן אַרמיי, ווי אַ געוויטער, אין געמאָסטענעם שפּאַן.
אָ, ניין! אָ, ניין!
נים אין גאַלאָפּ — דער באַראַבאַן,
וואָס יאָגט דורך קאַכעדיקער ערד,
פּריש-געקעמטע, אַזש פליענדיקע פערד —
נים פון א וויכערדיקן הארבסט — דאָס פרילינגדיקע שאַלן;
נאָר אַ באַראַבאַן — אַ זשאַווערדיקע לאַטע, —
א קלונג א דומפּער,
וואָס שפּרינגט פון אַ קוואַקעדיקן זומפּ אַרויס:
„קוואַ-קווא, קוואַ-קוואַ-קווא,
זעט —
איך בין דער וועלטס פּאַעט,
איך וויל זינגען מיין האָס קעגן מערדער פון געדאַנק.
איך וויל זינגען פון אלע געזאַנגען דאָס געזאַנג:
איך וויל זינגען פון אַ באַפרייטן טאַטן;
ש-ש-ש! ש-ש-ש! שטיל-שטיל-שטיל!
איך וויל זינגען און קען דעם טאָן נים כאַפּן —
איך וויל! איך וויל! איך וויל-וויל-וויל!
קוואַ-קווא, קוואַ-קוואַ-קווא.

דאָס ריזעלע

„אָי, איך־איך־איך שעל־אוילעם —
איך וועל פאַר דיר אָן „איכעלע" קוואַקען:
אָי, אָן איכעלע, אָן איכעלע,
קוואַ־קוואַ, קוואַ־קוואַ־קוואַ —
אָי, איך! איך! איך! — איכיך־איכיך־איכיך!

„אָי, איך אָם! אָם! אָם! — איכאָם! איכאָם! איכאָם!
אָי, איך לאָם! לאָם! לאָם! — איכלאָם! איכלאָם! איכלאָם!
איך טידל־לידל, לידל־טידל אָם!
איך לידל־טידל, טידל־לידל לאָם!

„אָי, וואו קען איך מיך יע געפינען?
וואו קען איך מיך ניט געפינען?
אז וואו איך שטיי — איך!
אז וואו איך גיי — איך!
איך! איך! איך! — איכיך! איכיך! איכיך!

איך אָם! אָם! אָם! — איכאָם! איכאָם! איכאָם!
אָי, איך לאָם! לאָם! לאָם! — איכלאָם! איכלאָם! איכלאָם!
איך טידל־לידל, לידל־טידל אָם!
איך לידל־טידל, טידל־לידל לאָם!

„אָי, מיזרעך — איך! מאַירעוו — איך!
דאָרעם — איך! צאָפן — איך!
איך! איך! איך! — איכיך! איכיך! איכיך!
אָי, ראַק איך! אָבער איך! ווידער איך! נאָר איך!
איך! איך! איך! — איכיך! איכיך! איכיך!
אי — — — כיך!"

א
/
/
האַ

אַז דאָס ריזעלע בלאָזט די שטאָלצן אויף,
באָם פאַפירענעם פוטער, באָם טינטיקן ברויט —
טאַנצט די אייביקייט אַף אַ טעלער אַרויף
און רעוועט „רויט" און קוויטשעט „רויט" און ריטשעט „רויט":
אַ
/
/
האַ

איצט האָרך מיין קינד:
מיט שטאָלצן — אַפילע רויט,
האָט נאָך קיינער ניט פאַרנאַרט דעם טויט —
ס׳ריטשענדיק ריזעלע, מיט דעם שטאָלן מיצעלע,
דער קורצינקער, דער קונציקער, דער פּיצענונציקער,
מוז פאַלן
פאַלן
פאַלן
פון די שטאָלצן, די אויפגעבלאָזענע אַראָפּ
אַראָפּ
אַראָפּ
און מיט דעם נאָז — דעם גראָבן פּוס־פינגער,
זיך זוכן ערגעץ — אַ פּאָנים, אַ קאָפּ.

און ס׳הייסט דאָס ריזעלע, אַי, דאָס ריזעלע: מאַביר־קורמויק,—
אַ גראָשן — די ברייט, אַ ליגן — די הויך.
אַ פּלי — אַ זייפנבלאָז,
דורך פעלדער אויסגעקלערטע גראָזן:
אַ וואולקאַן — אַ קייקעלע רויך.

דאָס ריזעלע, אַי, דאָס ריזעלע, מאַביר־קורמויק,
באַפּאַלט ווי אַ ניטגוטער, זיין קראַקעדיקן פּויק.
און שרייט
מיט כאַרכלענדיק האַלדז — דורך קורצינקער ווייט:
בו־בו־בום — איך פּויק טאַרנאַדאָ־געזאַנג! —
איז זיין קאָל, ניט קריץ פון צאָן מיט צאָן,
איז זיין קאָל, ניט געוויין פון אַ שטומען, —
נאָר ווי אַ לעצט געקריי פון אַן אויסגעקרייעטן האָן,
וואָס קרייעט הייזעריק און לאַנג:
קו־קו, קו־קו־קו!
ברו־ברו, ברו־ברו־ברו!
פון מאָרגנדיקן שטורעם, בין איך — דאָס טויטנדיקסטע ברומען.

דאָס ריזעלע, אַי, דאָס ריזעלע, מאַביר־קורמויק,
זשאַווערט אין בראַון בלוט פון אונדזער פּאָן.

קו־קו, קו־קו־קו!
ברו־ברו, ברו־ברו־ברו!
אַז ס׳האָט דאָס ריזעלע באַפוילן:
האָבן זיך געקרימט די גלייכסטע טעג,
איז די פרייד געווען — אַ טינטער שלעק,
אַן אייביקייט, מיט פאַרשניטענע יאָרן —
אַזש פון ברעישים, אַלע פרילינגס, האָט אַ וואָרט פאַרפאָרן.

אַז ס׳האָט דאָס ריזעלע באַפוילן, —
האָט אַ קלאָר פויגעלע, אין טינט אַ בלאָטע זיך געצוואָגן,
האָט דעם אַדלער — אַ ווערימל געטראָגן;
רויטער זשאַווער האָט געשוואָרן: איך בין זונאויפגאַנג,
מאַיסע דאָרן, איז אַ שטרויעלע געפלויגן —
דעם שטשירנדיקסטן שעד, אויסגפיקן די אויגן.

קו־קו, קו־קו־קו!
ברו־ברו, ברו־ברו־ברו!
אַז ס׳האָט דאָס ריזעלע באַפוילן,
האָט אַ טרוים, ווי אַ שפּאַן זיך אָנגעצונדן,
האָבן זונען זיך געלאָשן,
ווי אין אַ פּראָסטיקן אויוון — נאָסע קוילן;
דעם וואָלף, האָט אַ פליגעלע פאַרטריבן,
דעם שטורעם, האָט אַ פעדימל געבונדן;
אַז ס׳האָט דאָס ריזעלע באַפוילן:
איז פון יאַם, אַ בלעזעלע געבליבן,
אַלע ווייטן, האָט אַ ווינקעלע פאַרשלאָסן, —
נעלענן איז די שיינקייט, ווי אַ פאַדלע צעשונדן.

דאָס ריזעלע, אַי, דאָס ריזעלע מאַביר־קורמויק,
האָט מיט טינטיקער בלאָטע אָנגעטאָן,
דעם נאַקעטן רויט פון אונדזער פאָן —
(ס׳קען דער שיין פון פוילן האַלץ, דער זון ניט ליבן.)
שמייכלט ס׳ריזעלע — שטייף און אַקוראַט
און ס׳האַלטן רויטע קנעפּ, זיין גרויע פרייד,
פּאַרקנעפּלט קעגן זוניקן אומעט;
שמייכלט ס׳ריזעלע, לויט דער לעצטער מאָדע —
דעם בראַנדיקן געזאַנג פון שטורעם,
נעמט ער אַרום
מיט טויזנט סקריפּנדיקע אָדעם,
נאָר ווי צום צוגעקלעפּטן וואָרט וואָס וויל אַ נאַכטיגאַל זיין —
פון אַ נאַכטיגאַל איז נאָך קיינמאָל קיין פליי־פליגלען ניט
געבליבן.

פון טינט אַ בלאָטע, אַי, וואָס איז בלאָטיקער:
דאָ האָט דער דורשט אַליין ניט געטרונקען;
די לעוואָנע, ווי אין כאָלעם, א שיִקער,
האָט קוים דאָ דורכגעהונקען.

אַ פאָלנדיק שטיינדעלע האָט דאָ קיין רינגען ניט געלאָזן.
אַ ווינטעלע — דאָוויד־האַמעילעכס האַרף,
האָט ווי א צעלעכערטער בלאָז־זאָק געבלאָזן.
דורך פלאָקער פון ליכטיקסטן „אָקטאָבער",
האָט דאָ ניט מיט ריזן געטאָנצט דער ווינט,
האָט אַ געוויטער צום טאָקט פון ריזעלע געהונקען,
ווען פון מויל און אויערן האָט אים דער טינט — ·
פּעט און איבלדיק גערונען.

פון אַ טעמפּן וואָרט, אַי, וואָס איז טעמפּער?
אַ פאָרשאָלטענער שטיין,
וואו א רויב־פויגל אַפילע וואָלט דעם שנאָבל ניט שאַרפן.
פון א בלינדן וואָרט, אַי, וואָס איז בלינדער?
אַן אויסגערונען אויג, וואָס גיט ניט אפילע קיין געוויין.

אַז אַ טורעם איז — אַ מאַיסעלע פון ריזן,
אַ, וויפל מאַיסעלעך ביסטו — ניו־יאָרק?
אַז אַ ווינטעלע איז — לעגענדע פון אַ ווייטן דאָר,
אַ, וויפל לעגענדע אין אַ שטורעם?

און אויב פון ריזן און לעגענדעס, איז אונדזער דאָר שענער,
איז אַ ריזעלע אַצינד פון זיך אַליין קלענער —
די גראָבע טרוימען, דורך קיין שפּאַקטיוו ניט צו דערזען, —
נאָר אין אַ שטורעם,
לויפט אויף אַ שפּענדעלע, מיט הילצערנער שרעק;
אין אַ שטורעם,
שוועבט אויף ווי אַ פאָן, אַ דורכגעווייקטע טראַנטע,
פליט אויף אַדלערדיק, אַן אויסגעשפּיגן ברעקל.

דורך דוירעם וואונדן, ווי דורך דעם טרויעריקסטן זונפאַרגאַנג,
ווען פון יעדן פרילינג, האָט הוילער פראָסט געבלענדט,
ווען געשריי פון קראָען, האָט פאַרטויבט דעם נאַכטיגאַלס
געזאַנג,
ווען פון ברעג ביז ברעג, האָט די ערד, אַ געהענעם געברענט, —
ווי גרוי און גרוי, איז דאָס רויטע ריזעלע געווען.

ס׳האָט דאָס וואָרט מײַן באָבע מאַינע

דאָס ריזעלע, אױ, דאָס ריזעלע — מאַביר־קורמויק, —
אַ גראָשן — די ברייט, אַ ליגן — די הויך;
אַ פלי — אַ זייפנבלאָז,
דורך פעלדער אויסגעקלערטע גראָזן,
אַ נעשאָמע — אינגאַנצן בויך,
וועט ניט פאַרשטעלן —
פון וואָר — די לעגענדע, דעם וואונדער איבער וואונדער,
וועט מיט וואָרט געפייגערטן, דער פינצטערניש ניט העלן.

איך האָב געזען — זשאַווער דורכגעגעסענעם,
רויטלען זיך אין זונאויפגאַנג;
נאָר רויטער זשאַווער דורכגעגעסענער,
איז נאָך קיינמאָל ניט געווען קיין זונאויפגאַנג
און ס׳האָט נאָך קיין פלאָקן ניט פאַרשריבן,
דעם בראַנדיקן שטורעם — אָף אַ קראַקעדיקן פויק;
„אַלע גרילצערס, פון מיצראַיעם ביז אַצינד:
גרילצן גלייך, מײַן קינד, — ״
נאָר ווײ,
דאָס ריזעלע, אױ, דאָס ריזעלע — מאַביר־קורמויק,
האָט מיט סקראָבנדיק געשריי, אַ ווײלינקע פאַרטריבן —
די פרייד: די נאַכט, די פייגעלעך און די קינדער.

דער בראָווער פּאַכדן *

* „דער בראַוער פאכדן”, ווערט דאָ געבראַכט ווי אַ דאָקומענט, אַרום וועלכן ס'איז אָנגעפּירט געוואָרן די „דיסקוסיע” — דער אָנפאַל קעגן מיר.

דער בראָווער פּאַכדן

אייביק וועט דער פּאַכדן,
פּאַר מיין שטאָלצער באָבע מאַינע זיך שרעקן —
ס׳זאָל מוישע־ראַביינוס צויבער־שטעקן,
פון מאַכיקן שלאָף זי ניט וועקן;
זי זאָל אַ טויטע און אַ לויטערע פון אוראַלטן קייווער ניט קומען:
פון זיין קאָל — צעבויגן דאָס בלעכענע ברומען,
מיט איר אָטעם, די אויפגעבלאָזענע שטאָלצן צעבלאָזן,
מיט איר בלוט, דעם וואַסערדיקן רויט פאַרמעקן
און נאָר דעם כאָרכל פון דעם כאָרכלער לאָזן.

אייביק וועט דער פּאַכדן,
אויף טונקעלן שטעג דעם טרוים באַפאַלן
און דרייען זיך הייליק און ריטשען גערעכט:
„העי, פּאָעט, אהער גיב פרייד,
פרייד — פּאַר אומעטיקע קנעכט;
העי, פּאָעט, אהער גיב שטראַלן —
ליכט — פּאַר בלינדע קנעכט.
איך בין אַ היינט מיט טאָמען פול, ווי מיט זאַפט געשמאַקע
סעדער.

דעם נעכטן, האָט שוין די צייט דערוואָרגן,
דעם מאָרגן — פּאַר קרעַנקהלטכט באַטלאָנים;
דעם היינט גיב אהער, אהער דעם היינט.
פון דיין ליד שיינט בעיסוילעם־שרעק.
דיין ליד — אַ טוכלער וועג צום מויזנלאָך:
ניט שטעק דיין וואַנזין אין אונדזערע מונטערע רעדער״.

בראַוואָ, בראַוווער פּאַכדן —
דײַן בראַזגנדיקער רוף,
יוֹעט געווים פון דרימל, אַ ציטעריק העזעלע וועקן,
נאָר איך וועל צום שלאַכט ניט פירן
מײַן ליד, מיט שטרויענעם גוף,
אויב אַפילע, טויזנט מאָל רויט צעצונדן.
מיט גוואורע פון שטרוי, ווי קען מען בערג רירן?
דעם מעכטיקן פײַנט, ווי וועסטו שרעקן,
אויב אַפילע, ער זאָל אַליין זיך בינדן.

דײַן וואָרט — אַ מילב מיט פאַנטאַסטישן פויסט,
מאָנט פרייד — אַ פלאָקן די גרויס,
וואָס קען נאָך אומעטיקער זײַן?
פון גרויע רייד — אַזאַ שטורעם,
וואָס קען נאָך גרויער זײַן?
פון גרויע רייד — אַזאַ שטורעם,
ווער קען דערהערן?
מיט האַרץ פון שטאָל, מיט רואיק בלוט,
ווי קען מען שווערן?

אַי, ברידער פון נעכטן — אַי, שוועסטער פון מאָרגן:
עס שווערט מיין הארץ, עס שווערט מיין בלוט,
אייך וועלן ניט בייזע ציין צעקריצן.
אייך וועט ניט גרייכן דעם פּאכדנס רוט.
איך וועל מיט האַרץ און מיט בלוט אייך שיצן.

אייביק וועט די אומעטיקע אַלטקייט יונג האַלטן די וויינען.
אייביק וועט דער ווייטסטער מאָרגן,
געאָרעמט מיט דעם ווייטסטן נעכטן,
דורך צויבער פון נאָענטסטן היינט שיינען.

דיין צאָרן — אָ פייער־ריז,
גענוג געווים דעם אומעט פון א פליגעלע פאַרברענען —
וואָלט נאָר דיין האַס געבן, דעם פיינט אין אויג אַ גראַבל;
וואָלט נאָר דיין פלאַם קענען, אַ פראָסטיק שטיבעלע באהייצן.
ס׳פלאַצט דיין וואָרט ווי „ליכט" אַ מאַבל,
גענוג אזש — די נעכט פארפלייצן,
גענוג מיט שטראַלן — דוירעם שיך צו פוצן —
נאָר מיר ווערט פינצטער־פינצטער פון אזויפיל ליכט
און מיר ווערט טרויעריק־טרויעריק פון אזויפיל פרייד.
און נאָר דיין פרייד קען מיך שרעקן,
ווי אין אַ מאַיסע־ביכל — אַמאָל־אַמאָל,
אין מיכאַלישעק, באַנאַכט, אַרום בעיסוילעם:
ווען א גוילעם מיט אויסגעקלערטן קאָל,
מיט אַ שעד־געזיכט און אַ טאַכריכים־קלייד,
פלעגט די מייסים, מיט א פריילעך האָפקע וועקן.

ווייל דו ביסט אומעטיק ווי טויזנט „קוני-איילאַנד" זונען,
איז אומעטיקער פון אַלע אומעטן דיין פרייד;
ווייל פריידיקער פון אַלע פריידן, קען דעם דיכטערס אומעט זיין,
האָבן מיינע טעג, אַזויפיל אומעט געפונען
און ווי ס'קען אויך די פינצטערניש דורך העלסטער פרייד שיינען,
שיינט אויך די פינצטערניש דורך מיין ליד.

איך גיב דיר אַלע טייכן פון רינענדיקע קראַנען,
איך נעם אַ טראָפּן — פאַרקלערטן טוי.
איך גיב דיר אַלע רעגנבויגנס פון ווערטערדיקע ראַקעטן,
איך נעם פון אַלע פייערן — אַן איינציקן פונק
און האַלט האָב איך אַזוי:
אַן איינציקער פונק, דורך אַלע פינצטערנישן שפּאַנען
און האַלט האָב איך אַזוי:
זיין אַליין דאָס ליכט וואָס העלט דעם כוישעך ארום מיר.

איך האָב געזען,
אַ פונק — אַלע פייערן פאַרשטעלן;
איך האָב געזען,
אַ בלינדן נעכטן — דעם מאָרגן צעהעלן.

איך האָב געזען,
דעם אָקטאָבער. ווי טויזנט מאַיען בליען;
איך האָב געזען,
דעם שענסטן פויגל אויך פון וואָרים זיין יעניקע ציען
און איך וועל ווי דער פאַכדן זיך ניט שרעקן,
מיין וואָרט אויסטאָן נאַקעט, אַפילע אין מויזנלאָך.

איך האָב געזען,
אַ נאַכט אַן ענדלאָזע טאָגן;
איך האָב געזען,
אַ שטורעם — דעם פאַכדן פאַריאָגן.

און ווען פון צופיל בראַזגען ווערט אויך טויב דער וויסטער
בראַזגער,
שטומט אַ טפילע אוים, דער איינזאַמער פויק:
קום, אַ בראַווער פויקער, קום —
ווי זאָל איך אויסבענקען די וואָלקנס,
אַז נים דער רעגן,
נאָר אַ האָגל הארטע רייד פויקט אין מיר,
קום, אַ בראַווער פויקער, קום;
שטומט אַ טפילע אוים דער איינזאַמער פויק:
קום, אַ בענקשאַפט — קום אַ ליבסטע קום,
ווייל אנדערשט איז אָן דיר מיין פרייד — פון פרייד,
ווי אנדערשט ס׳איז א דופטיקע פינצטערניש אין פרייען פעלד—
פון אַ פאַרמישפעטער פינצטערניש אין טויטנקאַמער
און קום, אַ, טרויעריקע פליים, —
גיב א טונקלקייט וואָס נאָגט ביז לויטערסטן שיין,
אַ שיין וואָס נעמט אדורך ביז טונקלקייט.
אַ, גיב אַ פרייד וואָס שוידערט אויף ביז טרערן —
אַ פרייד, אַ טרויעריקע פליים,
וואָס הויבט די טיפן אויף,
און טראָגט זיי ביז דער בענקענדיקסטער הויך ארויף —
אַ, גיב אַ פיין וואָס זאָל יאָנטעוון די וואָך.

אָי. מיכאַלישעק

אַמאָל איז געווען אַ מאַיסע:
אַ פאַרוויכערט שטיבעלע, ווי פון וואָלקנס געבויט.
אַף דעם ערדענעם דיל — אַ פאַרלאָשענער הימל.
אין נאָענטן בעיסוילעם וואוינט דער טויט —
מיט אַ גוף פון גראָז, מיט אַ האַרץ פון שימל.

אַ, מיכאַלישעק, מיין ייכעס מיט בלאַטעס ציכטיקע,
מיט באָבע־מאַיסעס: פאַרמורזשעטע קינדער אין מאַלאָכים־שפּילן;
מיט דעם ווייטן ווויליע־טייך,
וואָס קומט דעם דורשט בא דיר שטילן.

אַ, מיכאַלישעק, מיין ייכעס מיט פינצטערנישן ליכטיקע —
מיט דער באָבעס עפשערס און דעם זיידנס פאַרוואָסן,
פון געמאַרע־פינגער — דער זיבעטער שאָטן פון אַ שאָטן
וואו ווינטעלעך קעמען פרום די קומסע־גראָזן,
וואו יעדעס זעמדעלע איז — נעס, יעדעס ווערימל — גאָט.

דורך מיר —
דיין פרילינגדיקער אומרו וואָס טרייבט די ערשטע אייז־קריעס,
דער ציטער פון אינגלעך און מיידלעך בא דער ווויליע,
ווען פון יעדער כוואַליע ווערט אַ וואַסער־מיידל געבאָרן
און דאָרט —
אין האַלב־נאַכטיקער איימע פון פעטער־כאַיעמס קוזניע,
שלייפט דער פאַרליבטסטער — דעם קינעדיקן מעסער.
דורך מיר,
די פאַרבענקטע כורוועס — פאָלנדיקע מעטעאָרן;
דיין שמאָלסטע שטעגעלע — פון אַלע וועלטן גרעסער.

דורך מיר,
דיין האָס פון כאַזער־געסל, די דראַקעס פון צעבונטעוועטע יונגען,
דורך מיר,
דיין בלינדער האַרבסט, וועט אייביק פון טויזנט פרילינגס זינגען.

דורך מיר,
פון דיינע בעטלער — די וואַגלענדיקע שטרעקעס,
ווען באָרוועס און הויל,
פאַרוואָרפן —
הינטער אַ פאַרלאָשענעם דאָרף,
קאָרטשען זיי דער שרייענדיקער נאַכט, אַזוי איימעדיק־שטיל
און זעען דעם קלאָלעדיקן כצאָס ווי אַ ראָשעס זינד די גרויס,
ביז ווי טאָרבעס גרויל נעמען זיי טאָגן;
און דורך מיר,
דער עלנט פון קאַהאַלשע הינט מיט צעשמיסענע פעלן:
דאָס רעציכעדיק גטביל.
וואָס וואַגט דעם פראָסט און דעם הונגער פאַריאָגן.

מיכאַלישעק, טונקעלע וואָר — העלע לעגענדע:
האָסט מיר געגעבן —
ווערטער, ניט מיט זאַטע זאַפטן פון אַ סעפּטעמבער-לעבן,
וואו שטערן ליגן שיקער, אַף פול-אָנגעגאָסענע וויינטרויבן, —
נאָר וואו אין פאַרצירעוועטע זעק — אַ געפּייניגערטער זומער,
שרעקט מיט דאַלעס און מיט פראָסט — די אָסיענדיקע שטיבער.

האָסט מיר געגעבן:
ווערטער — זקיינים, מיט לאַסט פון סיוועך כאָכמע געבויגן
און ווערטער — אַף פאַרבאַרגענע שפּאַצירן,
ווען אין פאַרליבטן בלוט, קאָכט לעוואָנעדיק שווייגן
און רעגעס איילן, איינע די אנדערע זיך פאַרפירן.

ווערטער וואָס שפּילן אוים — אַ יונגע אייביקייט,
ווי עס שפּילט יונג דער אוראַלט — אין גלוסטנדיקן וויין;
ווערטער וואָס יאָגן,
דורך אייביקער נאַכט, דער ראָד פון דער זון.

מיכאַלישעק, טונקעלע וואָר — העלע לעגענדע:
האָסט מיר געגעבן —
ווערטער — שווערע, גוואורעדיקע קעמלען,
מיט געדולד פאַר ענדלאָזע מידבאָרס געלאָדן, —
גרייט דורך ווילדן שאַקאַלן־ווייט,
דעם דורשט אין בריענדיקן זאַמד צו באָדן.

און ווערטער גרינגע מיט דער לייכטקייט פון שיין,
וואָס טראָגן אוים אין טויטנהויז די פרייהייט.
ווערטער, דורך וועלדלעך — שטאָק־פאַרלאָשענע,
וואָס שאַרן זיך אָף וואונדן, דעם סוינע אויסצושפּירן.
ווערטער, אונטער טויזנט שלעסער פאַרשלאָסענע,
וואָס ניט שעד און ניט מאַרד קען רירן.

ווערטער: איבער טורעמס, קרומע געסעלעך שטערן.
ווערטער וואָס הילכן פון שרייענדיקן שטאָל,
מיט באַשיידענעם רויש פון אמאָל.
ווערטער — צאַרנדיקע סקווערן,
פאַרליבט ווי מיכאַלישעק, הונגעריק ווי סווינציאַן.
ווערטער — דערוואַרגענע אָף טליעס, ווערטער — טויטן־
בלומען,
דערציילן וויפל קלאַנג אין דער שטומקייט איז פאַראַן,
מיט וויפל זון, די שוואַרצקייט איז דורכגענומען.

אַ, מיכאַלישעק —
איבער מיין דאַרע קינדהייט ביסטו אַריבער:
מיט שפּאַן פון אַ טאָרנאַדאָ
און פון אַלע געזאַנגען געלאָזן נאָר סקעלעטן־קלאַנג.
האָרמאַטן האָבן דיין ציגעלנעם באַגינען אויסגעפּליקט,
ווען ס׳האָבן ציגן, מיט טאַנגדיקע בערדלעך געשיקט
דעם מאָרגן־שטערן — אַ גוט־מאָרגן, גוט־יאָר.
אַ, מיכאַלישעק — וואונדיקער אַש פון אַ טויטנדיקן זונאויפגאַנג.

דורך מיר — דעם ראָשעם פייער־רוט,
די בייזע בסורעס פון אַ קראָנעדיקן פאַרנאַכט,
וואָס איז געזונקען, איבער דיין יעדן דאַך.
איך האָב דיר געזען: אין שטורעם — אַ וואַיענדיקן דאָרן.
אַ, דאָרן, פון אַלע בלומען ביסטו מיר ליבער.
אַ, מיכאַלישעק, ווי זאָל אין דיר ניט זיין געראָטן —
מיין פרייד, מיין ליד און מיין בלוט,
אַז דורך מיר —
לויכט דיין טויט, דיין זון און דיין גוואורע אַזש פון צוואַנציקסטן דאָר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

א גוטן טאָג, מיין נאָענטער אייניקל — מיין ווייטע פרייד:
אין דיין צימערל,
זע איך פון מיינע עלטער-עלטער זיידעס דאָס דאָכקעס-לעבן,
זע איך דעם עלעקטרישן גאָט פון ניו-יאָרק פאַרשעמט,
מיט דעם זעלביקן ניטגוטן, אָרום אַ טרויער-ליכטל שוועבן, —
זע איך מיין שטאַרקן שטאָם צאַנקען, אין דעם זעלביקן שימער
וואָס פירט אַף דער סטעליע אום — רויכיקע שלאַנגען;
בא דיינע כורווע-ווענט, האָב איך דערקענט,
פון דעם ווינט — די זעלביקע נויט-געזאַנגען.

א גוטן טאָג, מיין נאָענטער אייניקל — מיין ווייטע פרייד:
נאָך מיר און מיין שטאָלצן ייכעס ביסטו אַ נאָמען —
אַ ייכעס פון מילנער, וואַלד-העקער און וויליע-פּליטן,
אַ ייכעס פון זיידעס — גיבוירים,
וואָס האָבן אַף פערד, ווי אַף בליצן, צו די באַשערטע גערימן
אַ ייכעס, באַם ייזקער — מיט שימשענען צו דערמאָנען.

אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע באַבע מאַינע:
מיכאַלישעק — דער פאַרליבטער העקדעש,
האָט מיט בולקע נאָך אַלץ ניט אָנגעביסן
און הונגער — דער העסלעכער עקדעש,
רייסט נאָך פּריצייטיקע קריע־ריסן.

אין כאַזער־געסל, זעט מען נאָך קיין סעדער ניט גרינען, —
אין די פאַרשאָלטענע כורוועס, גרינען נאָך בעטלערישע קינדער,
און איבער די קרומע שטעגעלעך, האָבן נאָך די שליטע
ניטגוטע גייסטער.
צעקנייטשטע האַרבסטן, קלאָגן נאָך אין קוואורע־שטיבל.
איבער דעם אויסגעוואַשענעם גרויל פון דער מיטע,
הענגט נאָך די לעוואָנע, ווי אַ גאַזלענס זילבער־טייסטער.

אויסגעוויינטע באַבעס דורך טהילימדיקן כצאָס,
זוכן פאַר דיר נאָך אַלץ —
לעווי־אַסנדיקן ברויט, לעוואָנעדיקן זאַלץ
און קענען פאַר דיר נאָך אַלץ,
קיין גאַנעידן־אָרט ניט געפינען.

אַ גוטע נאַכט, אַ, גוטע באַבע מאַינע.
מיט דוירעס העקדעש אין די אויגן,
זע איך דיר — א לעבעדיקע טכינע,
איבער מאַיסים־טאַיווים געבויגן;
זע איך דיר,
זוכנדיק אומזיסט — די צוגעזאָגטע זונאויפגאַנגען;
נאָר דיינע פאַרלאָרענע זונען,
וועט דער צעטראָטענער נעכטן שוין ניט געפינען.
אין מיין ביין, אין מיין בלוט,
איז דיין לאַנג־פאַרלאָשענער טאָג ערשט אויפגעגאַנגען.

פון דעם זעלביקן מעכאַבער:

דריי שוועסטער ———————— 1932;

דער מענטש אין טאָגן ———————— 1935;

ברענענדיק שטעטל (בוך I, בוך II) ———————— 1938